# פרשת חיי שרה י"ט– כ"ה חשון תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת חיי שרה***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **דוד פריינד** הי"ו (חתן הר"ר **יוסף הערשקא** הי"ו). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**וירא** אליו ה' באלני ממרא (יח-א). רש"י זאגט, הוא שנתן לו עצה על המילה, ממרא האט אים געגעבן די עצה אז ער זאל זיך מלן, לפיכך נגלה אליו בחלקו, האט זיך דער אייבערשטער מגלה געווען אין זיין חלק. די מפרשים שטעלן זיך, אברהם האט נישט געהאט א ספק, אז מען זאל אים דארפן מייעץ זיין, וואס איז די כוונה פון הוא שנתן לו עצה על המילה.

**אין** די מפרשים שטייט, אז די ברכה וואס מען זאגט אויף א מצוה איז איינגעטיילט. עס איז דא ברכות וואס מען זאגט מיטן לשון 'על', און עס איז דא ברכות וואס מען זאגט מיט א למ"ד. ביי תקיעת שופר זאגט מען 'ל'שמוע קול שופר, און ביי א ברית מילה זאגט מען נישט ל'מול את הבן, נאר 'על' המילה. עס איז דא כמה חילוקים, ביי וועלכע מצוה מען זאגט 'על', און ביי וועלכע מצוה מען זאגט מיט א למ"ד. איינס פון די חילוקים איז (הובא **בתרא"ש** (פסחים א-י) בשם **הריב"א**), אז א מצוה וואס מען איז מחוייב אליין צו טון, און מען קען עס נישט טון דורך א שליח, זאגט מען מיט א ל', ווייל ער איז מחוייב עס אליין צו טון. אבער א מצוה וואס ער קען מאכן דערויף א שליח, זאגט מען 'על'. ער איז מחוייב מיט די מצוה פון מילה, ער מוז עס אבער נישט טון אליין, א צווייטער קען עס אויך טון, זאגט מען על המילה, אבער לשמוע קול שופר, ביסטו אליין מחוייב צו הערן, דו קענסט עס נישט טון דורך א שליח.

**אברהם** אבינו האט געהאט א ספק, ווי אזוי ער זאל מאכן א ברכה אויף די מצוה פון מילה. ווייל די הלכה איז דאך (עבודה זרה כז.) המל ימול (בראשית יז-יג), אז נאר איינער וואס איז אליין גע'מל'ט קען מל'ן א קינד. א ערל קען נישט מל'ן דאס קינד. יעצט איז דאך די ערשטע מאל וואס מען האט מצווה געווען אויף מצות מילה, איז אברהם אבינו ווען ער מל'ט זיך אליין, כאטש עס שטייט אין פסוק המל ימול, אבער עס איז אזוי ווי גיטו וידו באין כאחד (קידושין כג.), ער מל'ט זיך, און אין די זעלבע רגע וואס ער מל'ט זיך, ווערט ער דאך א נימול אליין אויך. אבער טאמער זאל ער מאכן א שליח, אז איינער זאל אים מל'ן, איז דאך יענער נישט קיין נימול. קומט אויס, אז אברהם אבינו האט לכאורה נישט געקענט מאכן א שליח אויף מילה, ער האט זיך אליין געמוזט מל'ן. האט ער געהאט יעצט א ספק ווי אזוי ער דארף מאכן די ברכה, צו ער דארף מאכן די ברכה למול, צו ער דארף מאכן די ברכה על המילה. און 'הוא שנתן לו עצה', ממרא האט אים געגעבן די עצה, 'על המילה', אז ער זאל מאכן די ברכה מיטן לשון 'על', כאטש ביי אים איז נישטא קיין שליחות, אבער וויבאלד די עצם מצוה פון מילה וועט זיין מיט שליחות, זאל מען נישט משנה זיין די ברכה. אפילו עס איז דא א סיבה וואס יעצט קען נישט זיין א שליח, דארף מען מאכן די ברכה מיטן לשון 'על'. אזוי שטייט אין די מפרשים.

**עס** קען אפשר זיין דער טעם, פארוואס ער האט אים געגעבן די עצה אז ער זאל מאכן 'על' המילה, כאטש עס איז נישט געווען שייך א שליחות. ווייל עס שטייט אין רש"י (בראשית יז-כד) אז אברהם אבינו האט מורא געהאט צו ער וועט זיך קענען אליין מל'ן, און כביכול דער אייבערשטער האט אים מסייע געווען צו מל'ן. וכרות עמו הברית (נחמיה ט-ח), דער אייבערשטער צוזאמען מיט אים, האבען כורת געווען די ברית. קומט דאך אויס אז אברהם אבינו האט זיך אויך נישט אליין גע'מל'ט, נאר עס איז געווען מיט א געוויסע שליחות, וואס דער אייבערשטער האט זיך מצרף געווען צו מל'ן. וועגן דעם האט אים ממרא געגעבן די עצה אז ער זאל זאגן על המילה, ווייל ער האט אים געזאגט, דו וועסט זיכער האבען די סיוע פונעם אייבערשטען, דער באשעפער וועט דיך צוהעלפן אז דו וועסט זיך קענען מל'ן, וועט ביי דיר אויך זיין שליחות, וועט עס נישט זיין 'למול', נאר עס וועט זיין 'על' המילה, עס וועט זיין מצורף מיט נאך איינעם.

**אזוי** ווי ממרא האט אים געגעבן די עצה על המילה, ווייל דער אייבערשטער וועט זיך מגלה זיין צו אברהם אבינו, בשעת ער וועט זיך מל'ן, האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזען אז ער האט מכוון געווען צום אמת, לפיכך נגלה אליו בחלקו, האט זיך דער אייבערשטער מגלה געווען אינעם חלק פון ממרא, צו ווייזען אז דו האסט געגעבן די עצה אז מען זאל מאכן די ברכה על המילה, ווייל דער אייבערשטער וועט זיך מגלה זיין צו אברהם אבינו בשעת ער מל'ט זיך, האט זיך דער אייבערשטער טאקע באוויזען צו אברהם בחלקו פון ממרא.

**עס** שטייט אין די מפרשים, אז אלנ"י באטרעפט איין און ניינציג, דאס איז די מספר פונעם שם הוי"ה און אדנ"י. דער אייבערשטער האט זיך באוויזען 'באלני' ממרא, ווייל ממרא האט געגעבן די עצה על המילה, ווייל דער אייבערשטער וועט זיך מגלה זיין, און עס וועט זיין א התגלות פונעם שם הוי"ה און אדנ"י, וואס איז בגימטריא אלנ"י, האט זיך דער אייבערשטער אויך מגלה געווען צו אברהם 'באלני' ממרא.

*

**עס** קען אפשר זיין דער מוסר השכל וואס מען לערנט זיך אראפ פון דעם וואס מען קען נישט מל'ן א קינד, נאר ווען מען איז אליין געמל'ט. עס איז זייער גרינג מחנך צו זיין א קינד, און זאגען פארן קינד, טו דאס און דאס. לערן און דאווען, טו אזוי און אזוי. אויף יענעם איז גרינג מצווה צו זיין, אבער טאמער די עלטערן אליין זענען נישט דערביי, זיי טוען נישט אליין דאס וואס מען פאדערט פון די קינדער, מאכט נישט א רושם, דאס וואס מען בעהט פון א קינד. אפילו מען רעדט נישט, נאר מען זעהט ווי אזוי עלטערן פירן זיך, דאס איז דער גרעסטער רושם וואס עס איז שייך, אז עס זאל העלפן צום חינוך פון קינדער.

**עס** שטייט אין די גמרא (ב"מ פו:) אז אברהם האט אריינגענומען געסט, און ער האט זיי געגעבן פת לחם און געברענגט וואסער. ברויט האט ער געברענגט אליין, ואקחה פת לחם (יח-ה), אבער וואסער האט ער געזאגט יקח נא מעט מים (יח-ד), מען זאל ברענגען. זאגט די גמרא, אז דער אייבערשטער האט אויך באצאלט ביי זיינע קינדער אז מן האט דער אייבערשטער אליין געגעבן, הנני ממטיר לכם לחם מן השמים (שמות טז-ד), אבער וואסער איז נאר געקומען דורך א שליח, ווען יודען זענען געווען אין מדבר. בפשטות לערנט מען, אז עס איז אזוי ווי א עונש פאר אברהם אבינו, אז ער האט עס נישט געטון אליין, איז וועגן דעם וועט מען אויך נישט טון אליין פאר זיינע קינדער. ווי אזוי א מענטש טוט, אזוי פירט מען זיך אויבן אין הימל שפעטער ביי זיינע קינדער.

**רש"י** זאגט, פאר וועם האט ער געהייסען יקח נא מעט מים. פאר ישמעאל, ווייל ער האט אים געוואלט מחנך זיין במצות. ער האט עס נישט געטון וועגן דעם, ווייל ער האט זיך נישט געוואלט מטריח זיין מיט די מצוה, נאר ער האט געוואלט געבן חינוך פאר א קינד. ער אליין גייט, און ער ברענגט, און טוט, זאלן די קינדער אויך עפעס צוהעלפן. אויב אזוי, פארוואס קומט אים א עונש, אז וועגן דעם האט מען שפעטער געגעבן פאר די קינדער נאר על ידי שליח.

**נאר** אז דו ווילסט מחנך זיין דיין קינד, עס איז אסאך א גרעסערע חינוך, ווען דאס קינד וועט זעהן ווי אזוי דער אלטער טאטע פון הונדערט יאר, און עס איז כחום היום, גייט און שלעפט וואסער אליין, דאס וועט זיין אסאך א גרעסערן חינוך פאר ישמעאל, ווי צו זאגן ישמעאל גיי און ברענג א טרינק וואסער, האט ער געהאט א עונש דערויף. נישט דאס איז די וועג פון חינוך, צו הייסען אז דאס קינד זאל טון. נאר דו זאלסט טון, און אז דו וועסט טון, וועט דאס קינד ממילא טון.

**ווען** מען מל'ט א קינד, און מען ברענגט אים אריין בבריתו של אברהם אבינו, די ערשטע חינוך פון א קינד איז מצות מילה. זאגט מען, המל ימול, דו דארפסט זיך קודם אליין מל'ן, און נאכדעם קענסטו מל'ן דאס קינד. אויב דו וועסט זיין א ערל, און דאס קינד וועסטו וועלן מל'ן, דאס וועט נישט מאכן א רושם. המל ימול, וואס מען טוט אליין, דאס קען מען איבערגעבן פאר די קינדער.

*

בשעות הצהרים עלה **רבינו שליט"א** להיכל הכולל בווומסב"ג, והשתתף אצל השבע ברכות של בת הרה"ג **רבי מיכל ניימאן** שליט"א שנערך על ידי אברכי הכולל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בת הר"ר **עקיבא יוסף פישער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד אליעזר וויינגארטען** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר החופה מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"ב סעיף ב') **בבית** מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט גערעדט די פאריגע וואך, אז עס שטייט אין מדרש (ב"ר לט-ט), אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו צוויי מאל דעם לשון לך לך. איין מאל לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך (יב-א), און נאכאמאל ביי די עקידה האט דער אייבערשטער געזאגט, ולך לך אל ארץ המוריה (כב-ב). ואין אנו יודעים איזה חביבה, און מיר ווייסן נישט וועלכע עס איז געווען מער חביב ביים אייבערשטען, וועלכער נסיון איז א שווערערער נסיון, צו דער ערשטער לך לך, צו דער צווייטער לך לך. פון דעם וואס עס שטייט ולך לך אל ארץ המוריה, איז געדרינגען אז די צווייטע איז געווען מער חביב פון די ערשטע, די נסיון פון די עקידה איז געווען מער חביב פון דעם ערשטען נסיון.

**מען** האט גערעדט די פאריגע וואך, וואס איז געווען די הוה אמינא צו זאגן אז דער ערשטער נסיון, לך לך מארצך, אוועקצוגיין פון איין פלאץ צום אנדערן, זאל זיין חשובער. עס איז דא צענדליגער מענטשען וואס גייען אוועק פון איין פלאץ צום צווייטען וועגן פארשידענע סיבות, עס איז נאכנישט דער גרעסטער נסיון. אבער נעמען א קינד, און אים מקריב זיין פארן אייבערשטען, איז א גרויסער נסיון. וואס איז די הוה אמינא, אז די ערשטע נסיון איז גרעסער.

**מען** האט געהאט גערעדט, אז אין מדרש (ילקוט לך סג) שטייט, אז דער אייבערשטער האט געמאכט אברהם אבינו פאר א כהן גדול, און אויף א כהן גדול זאגט דער **חינוך** (מצוה ע"ר), אז ער איז זיך נישט מטמא אפילו צו קרובים, ווייל ער איז אויסגעטון פון דעם עולם, זיין נפש איז בעליונים, זיין דבקות איז אויבן אין הימל, אז ער איז זיך שוין גארנישט מצער, ווען עס גייט אוועק א קינד וכדומה, ער איז שוין אפגעטיילט געווארן פון אים אויך ביים לעבן. ממילא וואלט געווען א הוה אמינא צו זאגן, אז אברהם אבינו וואס דער אייבערשטער האט אים געמאכט פאר א כהן גדול, האט ער שוין נישט געהאט א קשר מיט יצחק. און קען זיין, אז דאס וואס ער שעחט יצחק, איז שוין נישט אזא גרויסער נסיון ביי אברהם אבינו. וואלט געווען א סברא צו זאגן אז די ראשונה איז מער חביבה, וועגן דעם שטייט אין פסוק ולך לך אל ארץ המוריה, אז די צווייטע איז געווען מער חביב.

**אבער** עס דארף טאקע האבן א ביאור, אויב עס איז אזוי, אז אברהם אבינו איז געווען ווי א כהן גדול, און ער איז געווען אויסגעטון פון דעם עולם, וואס איז טאקע געווען דער נסיון. - און די קשיא איז נאך שטערקער, אברהם אבינו האט זיך אליין מוסר נפש געווען פארן אייבערשטען, ער האט זיך געלאזט אריינוווארפן אין פייער אין אור כשדים, אן א ציווי, אנדעם וואס דער אייבערשטער זאל אים הייסן, האט ער זיך געלאזט הרג'ענען. וואס איז א חידוש, אז ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער זאל ברענגען יצחק פאר א עולה, גייט ער אים ברענגען פאר א קרבן. - און נאכדעם, איז דען שייך זיך ארומצושלאגן מיטן אייבערשטען. אויב ער וועט אים נישט ברענגען פאר א עולה, קען דען נישט דער אייבערשטער צונעמען יצחק פון איין מינוט אויף די אנדערע. איז דען שייך צו זאגען פארן רבונו של עולם, אז איך וויל ענדערש יצחק, און איך וועל דיך נישט פאלגען. וואס איז געווען דער נסיון.

**עס** שטייט אין **חידושי הרי"מ**, אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת את יצחק. ער האט מאריך געווען, דיין קינד, דיין איינציג

קינד, דיין באליבט קינד, והעלהו שם לעולה, און ברענג אים פאר א עולה. זאגט דער **חידושי הרי"מ**, אברהם אבינו איז געווען העכער פון די וועלט, ביי אים איז אוועקגעבן א קינד פארן אייבערשטען א קלייניגקייט. אבער א דיבור פונעם אייבערשטען האט א געוואלדיגען כח, קול ה' חוצב להבות אש (תהלים כט-ז). דער דיבור וואס דער אייבערשטער זאגט, איז מכריח דעם מענטש.

**זאגט** דער **חידושי הרי"מ**, צווישן א קינד און א טאטן איז דא א ליבשאפט, אבער א מענטש קען עס אפקילן. ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, קח נא את בנך, האט ער אריינגעלייגט אין אברהם אבינו א אהבה צו דעם קינד, ער האט אים צוגעבינדן צו דעם בנך. און נישט נאר צו דעם בנך, נאר את יחידך, ער האט אריינגעלייגט אין אים אזא אהבה וואס מען האט צו א בן יחיד. אשר אהבת, וואס דו האסט אים ליב. און נאכדעם והעלהו שם לעולה, אזוי ברענג אים פאר א עולה. מיט די דריי ווערטער וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט, קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת, האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אזא מאס אהבה אין אברהם צו יצחק, מער פון וואס עס איז דא בדרך הטבע צווישן א קינד און עלטערן. און נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט אים אריינגעלייגט די ליבשאפט, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, והעלהו שם לעולה. און דאס איז געווען א נסיון, אויך ביי אברהם אבינו. אפילו סתם אזוי, זיך מקריב צו זיין, און מקריב זיין יצחק, וואס ער האט שוין נישט געשפירט צו אים א אהבה און א נאנטקייט, ווייל זיין קאפ איז שוין געווען בעליונים, איז נישט אזא נסיון. אבער דער דיבור פונעם אייבערשטען קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת, האט אריינגעברענגט א געוואלדיגע אהבה אין אברהם צו יצחק, אז עס איז שוין געווען א נסיון פאר אברהם אבינו, אז ער זאל ברענגען יצחק אויף די עקידה.

**די** זעלבע איז געווען, ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, לך לך מארצך, וממולדתך, ומבית אביך, אל הארץ אשר אראך, ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט מארצך, האט ער אריינגעלייגט אין אים א ליבשאפט צום ארצך, ווייל א מענטש האט ליב דעם מקום ווי ער איז. ווען ער האט אים צו געזאגט וממולדתך, האט ער אריינגעלייגט אין אים א נאנטקייט און א געפיל צו זיין מולדתך, און די זעלבע צום בית אביך, און יעצט לאז עס איבער, און גיי אל הארץ אשר אראך. און דאס איז פשט, אז דער אייבערשטער האט אים געגעבן שכר על כל דיבור ודיבור, ווייל יעדער דיבור האט אים שווערער געמאכט זיין נסיון.

**שפעטער** ווען יצחק האט גערעדט צו אברהם, די ערשטע דיבור וואס זיי האבן צווישן זיך געשמועסט, ויאמר יצחק אל אברהם אביו, ויאמר אבי, ויאמר הנני בני, ויאמר הנה האש והעצים ואיה השה לעולה. וואס איז דער 'אבי', און דער 'בני'. נאר אברהם אבינו, פון ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט, קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת, האט ער אנגעהויבן צו שפירן א געוואלדיגע נאנטקייט צו יצחק. און דאס האט אנגעהאלטן גאנצע דריי טעג, די גאנצע וועג וואס אברהם אבינו איז געגאנגען מיט יצחק, איז ער געווען א חולת אהבה, עס איז געווען אזא געוואלדיגע ליבשאפט צווישן יצחק און אברהם, וואס יצחק האט קיינמאל נישט געזעהן פון זיין פאטער אזא געוואלדיגע אהבה צו אים, די אלע יארן ביז יעצט. דאס איז געווען ווייל דער דיבור פונעם אייבערשטען האט עס מכריח געווען.

**ויאמר** יצחק אל אברהם אביו, ויאמר אבי, וואס טוט זיך דא, וואס איז געווארן די ליבשאפט פון אבי, די ליבשאפט וואס איז דא צו מיין טאטע איז עפעס געווארן א אויסערגעווענליכע אהבה וואס איך האב עס קיינמאל נישט טועם געווען פון פריער. ויאמר אברהם, הנני בני, איך האב אויך די זעלבע פראבלעם. דאס וואס דו פילסט 'אבי', פיל איך אין 'בני' אויך. פארוואס איז דאס טאקע, ווייל דער אייבערשטער האט מיר געזאגט, אלקים יראה לו השה לעולה בני, דער אייבערשטער וויל אז איך זאל דיך ברענגען פאר א עולה. און ביי מיר איז דאך גארנישט צו ברענגען א קינד פאר א עולה פארן אייבערשטען, האט דער אייבערשטער אריינגעלייגט אין מיר אז איך זאל שפירן 'בני', און דו זאלסט שפירן 'אבי', און אזוי זאל איך דיך ברענגען פאר א עולה.

**ויאמר** יצחק אל אברהם אביו, ויאמר אבי, אב"י איז די ראשי תיבות ב'נך, י'חידך, א'הבת. מיט די דריי ווערטער וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט, האט ער אריינגעלייגט אין אים די כח אהבה. האט ער געזאגט, 'אבי', די כח וואס איך שפיר יעצט, דאס איז פון די ווערטער וואס דער אייבערשטער האט דיר געזאגט, קח נא את בנך את יחידך אשר אהבת. און דאס איז געווען א נסיון אפילו ביי אברהם אבינו אויך, אז מיט אזא אהבה זאל ער אים אוועקגעבן פארן אייבערשטען, און דאס איז דער גרויסער נסיון פון די עקידה.

*

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** אל החתונה של בת הר"ר **עקיבא יוסף פישער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת חיי שרה***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פאזען ע"ה (אלמנת הר"ר **פנחס יהודא פאזען** ע"ה).

***וזה תוכן השיחה:***

**בנה הר"ר אברהם יעקב:** די הוראות פון אבילות האט דער טאטע געפרעגט דעם **סאמבאטהעלער רב.**

**רבינו:** ער פלעגט צו קומען פרעגן אלע שאלות. דער זיידע [**הגה"צ משאפראן זצ"ל**] האט אין די לעצטערע יארן אויפגעהערט צו פסק'נען, און ער האט געשיקט צו מיין טאטען.

**הר"ר אברהם יעקב:** דער טאטע איז געווען מיין מוהל, און אויך ביי **רבי יעקב יהודא פאללאק** [אב"ד דובענקא, נכד **הגה"צ משאפראן זצ"ל**], איז ער געקומען צו פארן קיין פאפא.

**רבינו:** דו ביסט געבוירן אביסל פאר מיר.

**הר"ר אברהם יעקב:** איך בין געבוירן שבט תש"ח.

**רבינו:** און איך בין געבוירן אדר. מיין טאטע פלעגט צו זאגען, אז ער איז געפארן צו דיין ברית. ער איז געווען אין סאמבאטהעלי, און עטץ זענטס געווען אין פאפא. עס איז נישט ווייט איינס פונעם אנדערן. און מיין טאטע איז געפארן צו זיין דער מוהל ביי דיר, און ווען איך בין געבוירן, איז דער זיידע [**הגה"צ משאפראן זצ"ל**] געקומען קיין סאמבאטהעלי צו מיין ברית, אלץ הכרת הטוב אז מיין טאטע האט זיך מטריח געווען צו קומען צו דיין ברית. און ער האט מיר געגעבן דעם נאמען.

**א' מהנוכחים:** פאר וועם האט מען געגעבן סנדקאות.

**רבינו:** מיין סנדק איז געווען דער **קאפיש'ער רב.** ער איז געווען א פעטער (חתן **הגה"צ דומ"ץ מאקאווא זצ"ל** בזוו"ש).

**הר"ר אברהם יעקב:** איך האב געהערט פון מיין טאטען, אז ער איז געקומען צוויי מאל, סיי צו רבי יעקב יהודא, וואס איז געבוירן כסלו, און צו מיר וואס איך בין געבוירן שבט.

**רבינו:** דער זיידע רבי שמואל [קעסטענבוים ע"ה ממאקאווא, אביה של הנפטרת] איז געווען א ווארעמער יוד.

**הר"ר אברהם יעקב:** רבי לייבוש רובינשטיין (יליד מאקאווא) פלעגט מיר זאגן, אז דער זיידע פלעגט דאווענען מנחה פארן עמוד יעדע פרייטאג צו נאכטס, מיט א געוואלדיגע ברען.

**רבינו:** ער איז געווען א פלאם פייער.

**ונסוב השיחה אודות הגה"צ רבי יהושע העשיל דייטש אב"ד פריימאן** (נכד **הגה"צ דומ"ץ מאקאווא זצ"ל**).

**א' מהנוכחים:** איינער האט מיר פארציילט, אז נאכן קריג איז ער געווען אין א לאגער ווי מען האט געשיקט דעם עולם קיין ארץ ישראל. און פאר מען איז געגאנגען קיין ארץ ישראל האט דער גאנצער עולם אנגעהויבן צו טאנצען דעם ניגון התקוה, און פונעם גאנצן עולם איז רבי יהושע העשיל געווען דער איינציגסטער וואס האט זיך נישט אויפגעשטעלט.

**רבינו:** רבי יהושע העשיל האט מיר פארציילט, אז ווען ער איז אנגעקומען קיין אמעריקא, איז ער געגאנגען נעמען שלום ביים **סאטמארער רב**, און פאר אים איז געווען א יוד וואס איז דעמאלטס אנגעקומען, יענער איז געווען א רבי'ש קינד, און דער **סאטמארער רב** האט אים געפרעגט, וואס ער טראכט צו טון. האט ער געזאגט, אז ער טראכט צו ווערן א רב. און דער **סאטמארער רב** האט עס אוועקגעמאכט. ווען ער איז צוגעקומען האט אים דער **סאטמארער רב** געפרעגט, וואס ער טראכט צו טון, האט ער נישט געענטפערט, ווייל ער האט געהערט וואס דער **סאטמארער רב** האט געזאגט פאר יענעם. זאגט אים דער **סאטמאר'ער רב**, איך

מיין אז דו דארפסט ווערן א רב. - ער האט אים נאכדעם צוגע'שדכ'נט די רבנות אין לאס אנדשזעלעס.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי אהרן דוד הורוויץ שליט"א** האדמו"ר מזאבליטוב, להזמין את **רבינו שליט"א** להבר מצוה של בנו בשעטו"מ.

***__מתוך השיחה:__***

**הגרא"ד מזאבליטוב:** איך האב געוואלט פרעגן בנוגע תפילין לייגן, צו עס איז דא א ענין מען זאל נישט לייגן תפילין פאר מען ווערט בר מצוה?

**רבינו:** וואס האט מען געטון אין ספינקא, דו האסט דאך שוין א אויסגעטרעטענע וועג.

**הגרא"ד מזאבליטוב:** איך הער אז עס איז דא חילוקי דעות, וועגן דעם פרעג איך. ווען מיין טאטע [**האדמו"ר רבי ישכר בעריש מספינקא זצ"ל**] איז נישט געווען געזונט, און מען האט נישט געקענט מאכן די בר מצוה אינעם טאג פונעם בר מצוה, האט מען עס געמאכט אביסל פריער. און ביי איין אייניקל האט געדארפט זיין די בר מצוה אינמיטן זומער, און עס איז געווען שווער צו מאכן דעמאלטס די בר מצוה, האט מען געמאכט די בר מצוה א חודש פריער, און מען האט אנגעהויבן צו לייגן דעמאלטס תפילין, און מען האט געמאכט א סעודת הנחת תפילין. און אינעם טאג וואס ער איז געווארן דרייצן, האט מען געמאכט א סעודה פאר צען מענטשען. שפעטער האב איך געהערט פון מיין ברודער רבי זלמן לייב, אז זיין שווער, דער גאלאנטער רבי שליט"א, האט אים געזאגט, אז עס איז דא א קפידא אז מען זאל נישט לייגן תפילין פאר מען ווערט דרייצן יאר.

**רבינו:** עס איז אזוי. אין שלחן ערוך (או"ח סימן ל"ז סעיף ג') שטייט, אז מען דארף לייגן תפילין פריער, אלץ חינוך, אזוי ווי ביי יעדע מצוה. אלע מצות איז מען מחנך א קינד, און וואס עפעס די מצוה פון תפילין נישט. די סיבה פארוואס מען איז נישט מחנך, שטייט אין **רמ"א**, ווייל צו תפילין דארף זיין א גוף נקי, און עס האט אין זיך אסאך הלכות. איז ממילא באמת וואלט מען שוין געדארפט מחנך זיין פון די אכט אדער צען יאר. אזוי ווי מען טוט אן ציצית, דארף מען אויך אנטון תפילין. אבער צו יונג האט מען נישט געוואלט, ווייל מען קען נישט זיין געהעריג נזהר, האט מען עס אפגעשטופט אויף שפעטער. און פון דעסטוועגן דאך האט מען געוואלט מחנך זיין, האט מען אנגעהויבן א חודש פריער, און א טייל האבן אנגעהויבן צוויי חדשים פריער, עס האט נישט געהאט א זמן (עיין **במגן אברהם** (שם) דמניחין ב' או ג' חדשים קודם).

אין בעלזא האט מען נישט אנגעטון פריער, און עס הייסט אז דער טעם איז, ווייל אזוי ווי די ערשטע מאל וואס מען טוט אן די תפילין, טוט מען עס אן מיט מער התרגשות, האט מען געוואלט אז די מצוה דאורייתא זאל מען מקיים זיין מיט א התרגשות[א]. אבער על כל פנים, אז מען טוט אן פריער, איז דא אויף וועם זיך סומך צו זיין. און אז מען דארף מאכן א סעודה פריער, איז שוין בעסער אז מען זאל אנטון די תפילין פריער.

אין וויזניץ האט מען אנגעטון תפילין אין טאג פון די בר מצוה, אבער דער היינטיגער וויזניצער רבי, רבי ישראל שליט"א, האט איינגעפירט ביי זיך, אז ער טוט אן די תפילין א טאג פאר די בר מצוה. ווייל נאך די בר מצוה איז דער קאפ נישט אויסגערוהט,

---

[א] כתוב בספר **הילולא דרבי** (ח"א אות מ"ט) בשם **הגה"ק השר שלום מבעלזא זצ"ל** שהיה אומר, דהדרך הוא, בשעה שנתחנך אדם למצוה עושה אותה בכוונה יתירה, ועל כן הזהירנו חז"ל (פסיקתא ואתחנן ז-ו) בכל יום יהיו בעיניך כחדשים. על כן מהראוי היא אשר הכוונה ורעותא דליבא יהיה בעת שנתחייב במצות מן התורה ודפח"ח.

ובספר **אות חיים ושלום** (סימן ל"ז סק"ה) כתוב כשנעשה אביו **בעל דרכי תשובה זי"ע** בר מצוה, עשו סעודה בעבורו בקהילת סטריזוב, משום שאביו **בעל שם שלמה זצ"ל** שימש אז כאב"ד, על הסעודה בא זקנו **בעל יודעי בינה זי"ע**, ואמר בעת הסעודה, אנו רואין בחוש את ההתעוררות ורגש הנפש שיש לבחור בר מצוה בעת הנחתו תפילין בפעם הראשונה, ומילתא מסתברא הוא, כי הוא דבר חדש אצלו. אמנם האמת הוא, שגם אנחנו הגדולים נעשים בכל יום ויום בר מצוה, כמו שאמרו חז"ל בכל יום ויום יהיו בעיניך כחדשים, וצריכן להרגיש ההתפעלות הזאת, ורגש שכזה, בכל יום בעת התפילין והמצוות ע"כ.

ווייל מען איז אויפגעווען ביז שפעט ביינאכט. אבער א טאג פריער איז מען נאך רואיג.

**הגרא"ד מזאבליטוב:** דער וויזניצער רבי פון מאנסי איז מקפיד, אז ער טוט אן די תפילין פאר א בר מצוה בחור, נאר דעם ערשטען מאל וואס ער טוט אן די תפילין.

**רבינו שליט"א העניק ספר לחתן הבר מצוה ואיחל:** דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה. דו זאלסט פלייסיג לערנען, און אויסנוצן יעדע מינוט וואס מען קען, צו שטייגן אין תורה. דו זאלסט אויסוואקסען א תלמיד חכם און א ערליכער יוד, און גראטן אין די זיידעס וואס דו האסט געהאט. און די עלטערן זאלן זעהן ביי דיר אסאך יודיש נחת.

*

***יום שלישי פרשת חיי שרה***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת ליכטענשטיין ע"ה (אלמנת הר"ר יהושע ליכטענשטיין ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר רבי יעקב יצחק בידערמאן שליט"א** מלעלוב (ירושלים), לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה:***

**האדמו"ר מלעלוב:** מיר וואוינען שוין אין ירושלים פון תרי"א. דער זיידע **הרה"ק רבי משה לעלוב'ער זי"ע** (בן הרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע, תלמיד החוזה תלובלין זי"ע) איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל ערב ראש חודש חשון תרי"א. ער איז אנגעקומען מיט די שיף קיין עכו, און אזוי ווי ער איז שוין געווען א יוד פון פיר און זיבעציג יאר, איז ער קודם געווען אין צפת זיבן וואכען, און נאכדעם איז ער געפארן קיין ירושלים. אין ירושלים איז ער געווען פינעף און צוואנציג טעג. ווען ער איז אנגעקומען קיין עכו, און ער איז אראפ פון די שיף האט ער געמאכט א רקידה, און ער האט געזאגט, יום לשנה יום לשנה, און מען האט נישט געוואוסט וואס ער מיינט. למעשה ווען עס איז אריבער פיר און זיבעציג טעג, פון ערב ראש חדש חשון ביז י"ג טבת, איז ער נסתלק געווארן, און דאס האט ער געמיינט יום לשנה. אזוי איז מקובל.

עס איז נישט צו פארשטיין בכלל אז אין יענע יארן זאל מען פארן קיין ארץ ישראל. עס איז דאך גארנישט געווען, די ווייב איז געווען א טאכטער פונעם **יהודי הק'**, און זי איז נישט מיט געפארן, ער האט איר געזאגט, אז זי וועט נישט האבן קיין ברויט, און עס איז בעסער אז זי זאל נישט מיטקומען. פאר ער איז געפארן קיין ארץ ישראל, איז ער געווען ביים **רוזינ'ער**, און דער **הייליגער רוזינ'ער** האט זיך אנגערופן, 'אין פולין לאור הנר' (שבת יב.), די שטאט פולין האט אזא ליכט, און מען לאזט איר ארויס, זיי זענען נישט ווערט פאר אזא נר. און דער **הייליגער רוזינער** האט אים געזאגט, אז ער וויל מיטפארן מיט אים. האט **רבי משה לעלוב'ער** אנגעכאפט די בארד, און ער האט געזאגט אז ער האט שוין א ווייסע בארד, און ער קען נישט אויסווארטן. אינטערעסאנט איז געווען, אז ווען ער איז אנגעקומען קיין צפת, איז ער ארויס אינדרויסן נאכן דאווענען שחרית, און ער האט זיך אנגערופן, אז ער זעהט עפעס א טונקעלקייט אויף די וועלט. שפעטער איז אנגעקומען א בריוו, אז דער רוזינער איז נסתלק געווארן.

די אמת איז, אז דאס איז געווען די יסוד פון א רבי מיט חסידים וואס זענען ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל. דער **בעלזער רב** האט געזאגט, אז די רבי'סטווע אין ארץ ישראל האט געהערט פאר לעלוב, ווייל זיי זענען געווען די ערשטע רבי אין ירושלים מיט חסידים. עס איז געווען פריער רבי'ס אין טבריה, אבער אין ירושלים איז געווען לעלוב.

**רבינו:** ווי אזוי זענט איר אייניקלעך פון רבי משה?

**האדמו"ר מלעלוב:** רבי משה האט געהאט א זון **רבי אלעזר מענדל**, און **רבי אלעזר מענדל** האט געהאט א זון **רבי דוד**, און **רבי דוד** האט געהאט א זון **רבי שמעון**, און זיין זון (**רבי משה מרדכי מלעלוב**) איז געווען מיין טאטע'ס (**רבי שמעון נתן נטע מלעלוב**, ב"ב) טאטע.

**רבינו:** מיין זיידע דער **שאמלויא'ער רב** ברענגט אין זיינע ספרים (עיין **בטיול בפרדס** ח"א אות ג' סימן י'), אז

ווען ער איז געוועז אין ירושלים האט ער געהערט פון א אייניקל פון **רבי דוד'ל לעלובער** וואס האט נאכגעזאגט פון זיין זיידע, א ווארט אויף 'בווין תתקטר' (בזמר אזמר בשבחין לליל שבת קודש), אז עס איז דא דריי וועגן צו שרייבן די מילוי פון די אות ו', און דאס איז רומז אויף קוב"ה ואורייתא וישראל[ב].

**האדמו"ר מלעלוב:** ווערלכע יאר איז דער זיידע געווען אין ארץ ישראל?

**רבינו:** תר"ץ און תרצ"ה.

**האדמו"ר מלעלוב:** איך האב געהערט פון א יוד, וואס האט געזאגט לויט דעם ווארט פון **רבי דוד לעלוב'ער**, אז די גמרא (כתובות יז.) זאגט אויף רב שמואל בר רב יצחק דהוה מרקד אתלת, וואס איז פשט פון אתלת. האט ער געזאגט, אז די אלע דריי זאכען דארפן זיין בשלימות. און כל זמן א מענטש האט נישט חתונה איז נישטא קיין שלימות, ווייל השרוי בלא אשה שרוי בלא תורה (יבמות סב:), אבער ווען מען האט חתונה ווערט עס בשלימות, ווייל עס איז דא תורה, און איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), און דעמאלטס איז עס אתלת, אלע דריי צוזאמען (עיין **בטיול בפרדס** שם אות י"ג).

**רבינו שאל את בנו:** ביי וועם זענט איר א איידעם?

**בנו:** ביי רבי חיים פקשר. ער איז א ראש הכולל אין בית המדרש כתב סופר שוין פערציג יאר.

**האדמו"ר מלעלוב:** איך וועל זאגן א מעשה נורא פון זיין זיידען, דער פאטער פון **רבי חיים פקשר.** זיין זיידע האט זיך געדרייט ביים זיידען רבי דוד אין ירושלים, און ער איז געווען א בעל כשרון. אמאל חודש אלול האט ער זיך צוגעגרייט, ער האט געלערנט זוהר, ער האט געהאט א מושג אין שמות, און ווען עס איז געקומען ראש השנה האט אים די קאפ נישט געארבעט, עס איז געווען שוואכער פון א פשוטע תפלה פון שחרית אינדערוואכן. ער איז געווען צובראכען און צוקלאפט, אזא ראש השנה נאך אזא חודש. זיין פלאץ אין בית המדרש איז געווען ביי די לינקע זייט פונעם עמוד, און דער זיידע רבי דוד האט געדאווענט מוסף פארן עמוד, מיט א מורא'דיגע נוסח. און דער זיידע פלעגט זאגן אסאך מאל, 'מאמע, מאמע'. [דרך אגב, די ווייב, האט אים אמאל געזאגט, פארוואס זאגסטו מאמע, די מאמע איז שוין נישטא. האט ער איר געזאגט, איך מיין נישט די מאמע וואס דו מיינסט, איך מיין א אנדערע ממ"ה, מ'לך מ'לכי ה'מלכים]. און ווען רבי דוד האט אנגעפאנגען די שמונה עשרה, האט ער גיזאגט ברוך אתה ה' אלקינו מלך העולם, און ער האט געגעבן א קרעכטץ, אוי, מאמע. האט זיין זיידע געזאגט, אז ווען ער האט געהערט דעם קרעכטץ, האט זיך אים אלעס געעפענט. און אזא מוסף ווי ער האט דעמאלטס געדאווענט, האט ער נישט געדאווענט א לאנגע צייט. - עס איז א בעל שם'סקע מעשה.

**רבינו:** פארצייטישע יודען.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מלעלוב:** איך האב אמאל געזען, איך מיין פונעם **מונקאטשער רב**, אז ווען עס איז דא א אורח, דארף קודם דער בעל הבית מאכן א ברכה. ווייל די גמרא (ברכות לה.) זאגט, אז אין איין פסוק שטייט לה' הארץ ומלואה (תהלים כד-א), און אין א צווייטען פסוק שטייט, השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם (שם קטו-טז), עס איז לכאורה א סתירה. ענטפערט די גמרא, כאן קודם ברכה, כאן לאחר ברכה. ווען מען איז מכבד א מענטש צו עסן קודם הברכה איז עס דאך נאכנישט זיינס. נו, אבער די רבי הייסט...

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט הרחבת הדעת, און אסאך הצלחה און נשיאת חן, מיט אלעם וואס מען דארף האבן.

**האדמו"ר מלעלוב מסר קונטרס עם תשובה בענין אמירת לשם יחוד מבעל באר מים חיים שנדפס מחדש על ידי בנו. ורבינו שליט"א כיבדו בספר שמן ראש על ספר בראשית, ונפרדו לשלום**

*

---

[ב] וזה תוכן דבריו: בהיותי בירושלים עיה"ק שמעתי מתלמיד חכם אחד נכד **הצה"ק רבי דוד לעלובער זצ"ל** שאמר בשם זקנו, דאות ו' יש בו ג' מילואים, ו"ו, וא"ו, וי"ו. מילוי הראשון עולה בגימטריא י"ב, כנגד י"ב שבטי י-ה, והוא רמז לעם בני ישראל בני השבטים. מילוי השני עולה בגימטריא י"ג כתיבת 'אחד', והוא רמז לקוב"ה אחד יחיד ומיוחד. ומילוי השלישי עולה בגימטריא כ"ב, כנגד כ"ב אותיות תורתינו הק', והוא רמז לתורתינו הקדושה והטהורה. נמצא דבג' אופני מילוי אות ו', יש רמז לקשר קוב"ה אורייתא וישראל שהוא חד (זוה"ק ח"א עג.). וזהו הרמז 'בווין תתקטר', דבכל אופני אות ו', אנו באים לקשר קוב"ה אורייתא וישראל ודפח"ח.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה יוחנן וויינבערגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **בעריש שווימער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת חיי שרה***

אחר שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אלימלך שווארץ** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש חוסט. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יחיאל בוים** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **שמעון בוים** ע"ה.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** די שטאט גוטא איז נישט וויט פון סערדאהעלי. מייט טאטע ז"ל פלעגט צו פארציילן, אז ווען ער איז געזעסן שבעה נאך זיין מוטער, די סערדאהעלי רעבעצין [הרבנית מינדל בת **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**], זי איז אוועק ווען מיין טאטע איז נאך געווען א בחור, און אייער זיידע [**הגה"צ רבי יחיאל בוים זצ"ל אב"ד גוטא**] איז געקומען מנחם אבל זיין. ווען ער איז אריינגעקומען האט ער אנגעהויבן צו וויינען, ער האט מיטגעפילט דעם צער פון די אבלים. האט דער טאטע געזאגט, אז ער האט נאך אזאנס נישט געזעהן אז א פרעמדער מענטש זאל קומען מנחם אבל זיין, און ער זאל וויינען.

**הר"ר יחיאל:** נעכטן (כ"א חשון) איז געווען זיין יארצייט.

**רבינו:** **רבי יונתן שטייף זצ"ל** איז אויך געווען פון גוטא.

**הר"ר יחיאל:** עס איז דעמאלטס נישט געווען א כולל אזוי ווי היינט, און עס איז געווען דארט א עושר אין גוטא, וואס האט אים אריינגענומען אלץ יונגערמאן, און ער האט אים געגעבן א דירה מיט קעסט, און ער האט דארט געלערנט. עס איז געווען אמאל דאהי א בר מצוה פון איינע פון די משפחה, און רבי יונתן האט זיך אויפגעשטעלט און ער האט געזאגט, איך וויל עפעס זאגן. האט ער געזאגט, איך וויל נאר אזויפיל זאגן, אז עטץ האטס געהאט א זיידע וואס איז געווען איינע פון די ל"ו צדיקים, און ער האט עס דריי מאל איבערגעזאגט. ער פלעגט זאגן, איך האב אסאך גע'נאש'ט פון ענקער זיידען.

דער זיידע פלעגט צו פארן קיין ספינקא צום **חקל יצחק**, און אמאל איז ער אנגעקומען ווען דער **חקל יצחק** האט געהאלטן אינמיטן פארלערנען פאר די בחורים, און ווען ער האט געזעהן אז דער **גוטא רב** איז דא, האט ער זיך אויפגעשטעלט און זיי האבן זיך געקושט פנים אל פנים.

**רבינו:** איך זעה דא אין דעם קונטרס (תולדות הרב מגוטא) א שאלה וועגן א כוס וואס האט אויף זיך דעם שם ה'. איך האב אויך אזא כוס אינדערהיים (שנעשה ממטבעות פדיון הבן), און איך ווייס נישט וואס צו טון דערמיט.

**הר"ר יחיאל:** איך האב געהאט דא דעם בעכער איין יאר, עס שטאמט פונעם **מחצית השקל**. און מען האט צוגעלייגט א זילבערנעם פרעי"ם פון אויבן, זעהט אויס אז דער שיעור איז געווען ווייניג.

עס איז יעצט ארויסגעקומען א ספר, זכרונות פון דעם **גאב"ד פון ירושלים שליט"א** (**רבינו הגדול אמרו**), שטייט דארט וועגן מיין זיידען. ער איז געזעסן מיט טלית און תפילין ביז חצות, און ער האט פארגעלערנט פאר די בחורים. נאכדעם האט ער געגעסן א האלבע עפל, מיט א גלאז טיי, דאס איז געווען זיין גאנצער טאג'דיגע סעודה. מען זעהט אויף די בילדער אז ער איז געווען אויסגעדארט.

דער **פאפא רב זצ"ל** דער **ויחי יוסף**, האט מיר געזאגט, אז דער זיידע פלעגט פארן אויף פאפא, ער האט געהאט דארט א זון, און דער **ויגד יעקב** פלעגט אים זאגן, **גוטא רב**, אז איר וועט נישט עסן, וועט איר נישט קענען דינען דעם באשעפער. אן עסן קען מען נישט דינען דעם באשעפער.

זיין דאוונען איז געווען מיט א פלאם פייער. דער אלטער **נייטרא רב** האט מיר געזאגט, דיין זיידע'ס דאוונען ליגט מיך נאך אין די ביינער.

**רבינו:** אמאליגע יודען.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **יוסף פישער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מרדכי יואל**

**לעבאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן **האדמו"ר מזאבליטוב שליט"א**, שהתקיים באולם אימפיריעל.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו, שהתקיים באולם רויאל מענאר.

*

***<u>יום חמישי פרשת חיי שרה</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **חיים מענדל קיש** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אברהם יהושע נאה** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש באבוב 45. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>שבת קודש פרשת חיי שרה</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי צבי הירש מרימנוב זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ל' חשון). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א**.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **ישעי' שווימער** נ"ו חתן הר"ר **משה יוחנן וויינבערגער** הי"ו.